הרב יעקב יוסף ראזענבלום | הרב שמואל חיים יעקב גרובער

## פארשידענע ביאגראפישע שטריכן, אינאיינעם מיט פריש אנטדעקטע פרטים, איבער דאס לעבן פון

# הרה"ק ר' יעקב ישראל מטשערקאס זצוק"ל

## און זיין משפחה - לרגל זיין הילולא י"ג אלול

## (ערשטער טייל)

הרה"ק ר' יעקב ישראל מטשערקאס זצוק"ל איז געווען דער דריטער זון פונעם טשערנאבלער מגיד, און לויט ווי עס ווערט געברענגט אין פארשידענע מקורות איז ער געבוירן אין יאר תקנ"ד, אזוי ווערט געברענגט אינעם ספר היחס מטשערנאביל (עמ' 24). אזוי איז אויך באריכטעט געווארן אין א צייטשריפט נאך זיין הסתלקות י"ג אלול תרל"ו, אז ער איז נסתלק געווארן אינעם עלטער פון צוויי און אכציג יאר, וואס דאס קומט אויס תקנ"ד.

אויך פון דעם וואס מ'האט אים נישט געגעבן דעם נאמען "מנחם נחום", נאר פאר זיין יונגערער ברודער הרה"ק ממאקארוב זצ"ל, איז לכאורה משמע אז ער איז נאך געבוירן בחייו פונעם מאור עינים, און אזוי ווערט טאקע דערציילט אז ער איז נאך א חתן געווארן אלס קליין קינד, און זיין שידוך איז טאקע נגמר געמאכט געווארן דורך זיין זיידן דער מאור עינים וועלכער איז נסתלק געווארן י"א חשון תקנ"ח.

דער סיפור גייט ווי פאלגענד:

אין שטאט טשערנאביל האט מען אמאל געדארפט כשר'ן א מקוה. האט דער מאור עינים גערופן דעם רב פון ליאדי ער זאל קומען כשר'ן די מקוה. זייענדיג ביים מאור עינים האט ער געזען דארטן א קינד. האט דער רב געפרעגט דעם מאור עינים ווער דאס איז, האט דער מאור עינים אים געענפערט אז דאס איז זיין אייניקל "אהרן", א זון פון זיין רבי' מאטעלע. פרעגט אים דער רב: אפשר קענען מיר זיך משדך זיין? ער איז שוין פארנומען! האט דער מאור עינים געענטפערט.

אביסל שפעטער האט דער רב געזען אן אנדער קינד יונגער פונעם ערשטן. ווער איז דאס - פרעגט דער רב פונעם מאור עינים. מיין אייניקל "משה" - ענטפערט דער מאור עינים. - אפשר קען מען אים נעמען פאר מיין זון'ס טאכטער?

### עמק הבכא

סמליא. ביום א' פ' כי תבוא הגיעני בשורה לא טובה מעיר טשערקאש כי הרב הגדול הצדיק המפרסם תסידא ופרישא וי"א באמת מו"ה ה"ר יעקב ישראל ז"ל הלך לעולמו ונפטר ביום ש"ק פ' כי הצא לאחר שהתפלל והי' מהשבעה קרואים וברך ברכת התורה עלתה נפשו השמימה לדאבון לב כל יושבי עירו. אבדה גדולה אבדה עיר טשערקאש אבדה שאין לה תמורתה; הוא הי' ככוכב מבהיר שמה אשר באור תורתו וקדושתו ראו גם המה אור גדול ועתה כאשר אסף נגהו הה! חושך בעדם כי מי יביא להם חליפתו.

הרב המנוח ז"ל הי' אחד מהצדיקים הראשונים שבמדינתנו והרבה אלפים נפש אדם נסעו לקבל לקח מאתו ומברכת פיו ברך כל או"א ועתה במותו נהפך פניהם כשולי קדרה כי נשארו כתורן בראש ההר. שנתיו הי' פ"ב שנים. כבוד גדול נעשה לו במותו מיהודים ומא"י. יבוא שלום ינוח על משכבו הולך נכוחו עד אשר יבוא קץ הימין ואז יגל יעקב וישמח ישראל לפ"ק. ז"ק

**א באריכט אין א צייטשריפט איבער די הסתלקות פונעם טשערקאסער**

- פרעגט דער רב. - ער איז שוין אויך פארנומען! - זאגט אים דער מאור עינים. און זעענדיג ווי שטארק עס איז זיין וואונטש זיך משדך צו זיין מיט אים, לייגט ער צו - עס איז דא נאך איין קליין קינד אין וויגל, אז איר ווילט קענט איר אים נעמען.

דער מאור עינים האט זיך אויפגעהויבן און איז אריינגעגאנגען צוזאמען מיטן רב, און ער האט אים געוויזן דעם קליינעם "יעקב ישראל". באלד האט דער רב געשלאסן דעם שידוך, נעמענדיג דעם קינד יעקב ישראל פאר א חתן פאר זיין אייניקל. (מפי המשב"ק הרה"ח ר' ישעי' יואל אונגער ז"ל)

עס זענען פארהאנען נאך פארשידענע נוסחאות אין דעם סיפור, דער צד השוה איז אבער, אז דער שידוך איז נאך געווען דורך דעם מאור עינים.

*

עס זענען פארהאנען נאך עטליכע סיפורים בשייכות צו דעם, ווען אנדערע האבן געוואלט מערער זיין אויפן שידוך, אז דער טשערנאבילער מגיד האט נישט געלאזט מפקפק זיין אין דעם שידוך וואס דער טאטע האט גומר געווען. ווי ס'ווערט געברענגט אין די כתבים פון הרה"ח ר' יאשע שו"ב ז"ל (ח"ב אות שי"ט). און ענליך צו דעם ווערט דערציילט א סיפור וואס איז פארגעקומען ווען הרה"ק ר' ברוך ממעזיבוז זצ"ל איז געקומען קיין טשערנאביל צו די חתונה פון זיין אייניקל.

*

לסיכום: מיר האבן פארשידענע מקורות אז דער טשערקאסער איז נאך א חתן געווארן ביים לעבן פונעם זיידן דער מאור עינים, און דאס שטימט מיט דעם וואס מען שרייבט אז ער איז געבוירן אין יאר תקנ"ד.

איצט לאמיר א קוק טון וואס מען זעט אין די אלטע צענסוס רעקארדס, דארט ווערט שוין א שטיקל צעמישעניש, און ווי ס'ווייזט זיך ארויס איז אין די גאר אלטע צענסוס זייער אומפונקטליך די יארן ווי אלט מ'איז. ס'זענען פארבליבן פינף ערליי צעזוס רעקארדס פון די יארן ווען דער טשערקאסער האט געלעבט, דאס זענען: תקנ"ה, תקע"ה, תקצ"ד, תר"י און תרל"ה. אין די ערשטע דריי האט ער זיך נאך געפונען אין טשערנאביל, אין די פערטע איז ער אין הארנאסטייפאל, און אין די פינפטע איז ער אין טשערקאס.

די צענזוס פון יאר תקנ"ה

דא זענען בכלל נישט אויסגערעכנט די קינדער פונעם טשערנאבלער מגיד, נאר דער מאור עינים, און דער טשערנאבלער מגיד מיט זיין רביצין, אבער די יארן פון זייער עלטער שטימען נישט, ווי למשל, עס שטייט אז דער טשערנאבלער מגיד איז 22 יאר, ווען באמת איז ער שוין געווען 25.

#### די צענזוס פון יאר תקע"ה

דא זענען שוין אויסגערעכנט אויך די קינדער פונעם טשערנאבלער מגיד, אבער די יארן פון זייער עלטער שטימען בכלל נישט, ווי למשל, עס שטייט אז דער טשערנאבילער מגיד איז 41 יאר, ווען באמת איז ער שוין געווען 45. און אויפן זון ר' יעקב ישראל איז באצייכנט אז ער איז 15 יאר אלט [=געבוירן תק"ס], אינדערצייט וואס ער האט שוין לאנג חתונה געהאט אין יאר תקע"א. און זיין רביצין איז דערמאנט אז זי איז 19 יאר אלט.

#### די צענזוס פון יאר תקצ"ד

דא שטימען אויך נישט די יארן פון זייער עלטער, ווי למשל, עס שטייט אז דער טשערנאבלער מגיד איז 59 יאר, ווען באמת איז ער שוין געווען 64. און אויפן זון ר' יעקב ישראל איז באצייכנט אז ער איז 33 יאר אלט [=געבוירן תקס"א]. אבער ווי מיר האבן שוין געשריבן זענען זיי שוין זיכער געווען עלטער מיט עטליכע יאר.

#### די צענזוס פון יאר תר"י

אין דעם דאזיגן צענזוס פון שטאט הארנאסטייפאל איז רבי יעקב ישראל באצייכנט אז ער איז 61 יאר אלט [=געבוירן תקמ"ט]. שוין היפש מער פון אלע אנדערע רעקארדס.

#### די צענזוס פון יאר תרל"ה

אין דעם דאזיגן צענזוס פון שטאט טשערקאס איז באצייכנט אז ער איז 80 יאר אלט [=געבוירן תקנ"ה], און עס שטייט צוגעשריבן אז די געבורט יאר איז לויט דעם פאספארט וואס ער האט יענעם יאר באקומען. דאס שטימט שוין מער מיט דאס וואס מיר האבן געברענגט פון די אנדערע מקורות.

* * *

#### זיין חתונה

אינעם שטר התנאים — וואס איז גע'חתמ'ט געווארן ו' כסלו תקס"ט - שטייט אריינגעשריבן אז די חתונה וועט פארקומען נאך שבועות פונעם יאר תק"ע אין שטאט לאדי,

וואס דארטן האט דעמאלט געוואוינט דער רב מיט זיין משפחה.

למעשה איז די חתונה נישט פארגעקומען דעמאלט. און אויף די אנדערע זייט פונעם שטר התנאים איז דא א כתב הסכם—געשריבן ביום י"ז חשון תקע"א - צו באשטימען דעם זמן החתונה אויף דאנערשטיג ו' שבט תקע"א.

עס איז נישט באקאנט די סיבה פארוואס מען האט נישט געמאכט די חתונה אינעם זמן וואס עס שטייט אין די תנאים, בפרט אז בבית טשערנאביל איז געווען א שטארקע קפידה נישט אפצושטופן א זמן החתונה וואס איז שוין באשטימט געווארן. עס איז אבער מעגליך אז דער זמן החתונה וואס שטייט אין די תנאים איז נישט געווען אפגעמאכט באופן מוחלט ביי ביידע צדדים, ווייל די דאזיגע תנאים זענען געשריבן געווארן אין לאדי ביי די מקום הכלה, און אפילו די ערבים קבלנים מצד החתן זענען באמת אויך פון די צד הכלה, דאס זענען רבי פנחס רייזעס פון שקלאוו מגדולי חסידי חב"ד און רבי חיים אברהם זון פונעם רב, און עס האט נישט קיין שום חתימה אדער הרשאה מצד טשערנאביל. נאר אויף די כתב הסכם וואס איז שפעטער געשריבן געווארן, דארטן זעט מען שוין אז עס ווערט דערמאנט אז דאס איז א הסכם געמאכט מיט'ן שליח פונעם מחותן דער טשערנאבלער מגיד, ווי דער אבי הכלה רבי דוב בער מליובאוויטש שרייבט "נגמר ביני ח"מ [=חתום מטה] ובין הרבני המופ' הותיק מהר"י אייזיק נ"י בע"כ של מחו' הרב החסיד המפורסם מו' מרדכי נ"י ה"ה דק' טשרנאביל, להגביל זמן החתונה למז"ט בחודש שבט הבע"ל, להיות החופה למז"ט ביום ה' ששה ימי' בחדש שבט הבע"ל דהאי שתא פה ק' לאדי".

די חתונה איז טאקע פארגעקומען אין דעם באשטימטן טאג אין לאדי, ווי מען זעט פון א כתב התחייבות וואס איז גע'חתמ'ט געווארן ממחרת החתונה, ווי די מחותנים מצד הכלה נעמען זיך אונטער צו געבן קעסט פינף יאר נאך די פינף יאר פונעם צד החתן, און עס שטייט שוין די לשון "ואף כתבו וחתומו ותנו ליד חתנינו ה"ה הרבני המופלג מוהר"ר יעקב ישראל בהרב הגדול מוהר"ר מרדכי ולבתינו מרת דבורה שהיא זוגתו".

*

עס זענען פארהאנען פארשידענע סיפורים וואס זענען פארגעקומען ביי דער חתונה פונעם טשערקאסער. אינעם ספר "ילקוט מאורי אור" פרשת וירא האבן מיר געדרוקט דעם פאלגענדן סיפור: בשעת די חתונה פונעם טשערקאסער, האט דער זיידע הרה"ק מליאדי זצ"ל געזאגט אסאך דברי תורה וחסידות כדרכו בקודש, דערנאך האט ער געבעטן פונעם מחותן דער טשערנאבלער מגיד זצ"ל אז ער זאל אויך זאגן תורה, אבער דער טשערנאבלער מגיד האט נישט געוואלט זאגן. שפעטער האט דער רב נאכאמאל געבעטן דעם טשערנאבלער מגיד צו זאגן תורה, אבער דער טשערנאבלער מגיד האט ווייטער נישט געוואלט. ביים סוף פונעם סעודה ווען מען האט זיך געוואשן מים אחרונים, האט דער רב געגאסן אויף די פינגערס מים בשפע, האט דער טשערנאבלער מגיד זיך אנגערופן: יוקח נא מעט מים, ווינציג וואסער, מעט מים ווינציג וואסער, אביסל תורה, (ווייל מים איז מרמז אויף תורה), און דער פסוק איז אונז מרמז אז עס איז גענוג צו זאגן אביסל תורה, דער עיקר איז, ורחצו רגליכם, אז מ'זאל אפוואשן די רגילות'ן, דאס הייסט די נישט גוטע מדות און טבעיות וואס מ'האט זיך איינגעוואוינט, און מיט אלע אנדערע הויכע עבודות און פנימיות'דיגע ענינים, אויף דעם זאגט דער פסוק והשענו תחת העץ, עץ איז מרמז אויפן צדיק, אז מיט די אלע העכערע ענינים דארף מען זיך פארלאזן אויפן צדיק.

דער טשערנאבלער מגיד האט ווייטער געזאגט: כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה, וואס מיינט מלאכה, נאר דאס מיינט מעלה צו זיין און מתקן זיין די נשמות פון די אלע וואס הערן די תורה, נאר אזא תורה האט א קיום, אויב אבער עס איז ח"ו נישט דא דערמיט די דאזיגע מלאכה, איז סופה בטילה וכו' וכו'. הערנדיג דאס האט זיך דער רב פארענטפערט אויף זייער דרך: אין אונזערע מקומות דארף מען דאס און מען קען נישט אנדערש. (במקומותינו צריכים לזה ואי אפשר אחרת). (מפי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ששמע מאביו כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל)

אויך האט כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל דערציילט, אז נאך די מצוה טאנץ האט דער טוריסקער מגיד זיך אויסגעדרוקט אויף די הייליגע ריקודין פונעם פאטער דער טשערנאבלער מגיד, אז מיט זיינע ריקודים האט ער מעלה געווען און דערהויבן די פארזאמעלטע אסאך מער ווי וואס דער רב האט אויפגעטון אויף זיי מיט זיין תורה זאגן. (מפי כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא-ב"פ שליט"א ששמע מפ"ק – אמרות טהורות וירא, עמ' קלב).

*

אינעם תנאים איז אריינגעשריבן געווארן אז תיכף נאך די חתונה וועט דער חתן זיצן קעסט ביים טאטען פאר פינעף יאר, און ערשט דערנאך ביים שווער פאר פינעף יאר. דאס איז אויך נתאשר געווארן אין א מעשה בית דין ממחרת פון די חתונה.

עס זענען דא וואס שרייבן אז למעשה איז דער טשערקאסער יא געבליבן וואוינען נאך די חתונה אין ליאדי. קיין געהעריגע מקור דערויף איז אבער נישט דא.

דאס איז אמאל זיכער אז באלד נאך די חתונה איז נאך דער טשערקאסער געווען אין ליאדי אויף א משך זמן, ווי מען זעט דאס פונעם פאלגענדן סיפור:

איידער דער טשערנאבלער מגיד איז אהיימגעפארן, האט ער געזאגט פאר זיין זון אז ער זאל אנהאלטן מיט די מנהגים מיט וואס ער איז אויפגעוואקסן, דהיינו ער זאל נישט טוישן די נוסח פון קידוש [וואס כמנהג חב"ד זאגט מען דעם פסוק פון 'כי בנו בחרת'], און ער זאל זאגן פרייטיג צונאכטס 'ושמרו' [וואס מען זאגט נישט אין חב"ד]. איין מאל נאך די תורות האט דער רב געפרעגט דעם אייניקל רבי יעקב ישראל אויב ער האט פארשטאנען די תורה, האט רבי יעקב ישראל געזאגט אז ער האט בכלל נישט געהערט ווייל דער טאטע האט אים נישט ערלויבט צו הערן די תורות. האט דער רב געבעטן אז ער זאל שרייבן צום פאטער און בעטן רשות אז ער זאל יא מעגן הערן זיינע תורות. ערשט נאכדעם וואס ער האט באקומען די רשות פונעם פאטער, האט ער אנגעהויבן צו הערן די תורות פונעם רב. (מפי כ"ק האדמו"ר מראחמיסטריווקא-ב"פ שליט"א ששמע מנכדי טשערקאס).

איבער אן אנדערע תקופה וואס דער טשערקאסער איז געווען ביים עלטער שווער דער רב, זעט מען אינעם ספר "ישמח ישראל" (בסוף הספר) וואס ער ברענגט אז דער טשערקאסער איז געשטאנען ערב יום הקדוש אונטערן בענקל פונעם רב, און ער האט געהערט ווי ער דערציילט אז ווען דער רבי ר' זושא האט אויפגעהויבן יום הקדוש די אויגן צום הימל, האט אים אנגעכאפט א שטארקער שלשול מיט בלוט מחמת גודל היראה, און דערנאך האט דער רב אנגעהויבן



שטר התנאים פונעם טשערקאסער



קביעת זמן החתונה פונעם טשערקאסער

זיך אפרעדן ווי ער לערנט און ער דאוונט און ער ווערט נישט נתפעל, און ווי ווייט ער איז פון יראת ה', ביז ער האט גע'חלש'ט און איז אראפגעפאלן פון בענקל.

עד כאן הסיפור וואס דער ישמח ישראל שרייבט. מען ווייסט אבער ווייטער נישט אויב דאס מיינט אז דער טשערקאסער האט דעמאלט געוואוינט דארטן ביים רב, אדער ער איז געפארן אהין פון טשערנאביל אויף א משך זמן.

אויב האט דער טשערקאסער געוואוינט די גאנצע צייט ביים זיידן אין ליאדי, וואלט ער לכאורה אויך געזאלט זיין צווישן די בני המשפחה פונעם רב וואס זענען אנטלאפן מיט אים ביי די מלחמה פון נאפאליען בשנת תקע"ג, אבער למעשה זעט מען נישט זיין נאמען דערמאנט צווישן די פאספארטן פון די בני המשפחה.

דער איינציגסטער מקור וואס דערציילט אונז אז ער האט למעשה געוואוינט פאר א תקופה פון צוויי יאר ביים רב, טרעפן מיר אין די ליובאוויטשער מקורות, אז אמאל בקשר צו א געוויסע ענין, האט דער טשערקאסער געשריבן פאר זיינע

יונגערע ברידער אז זיי דארפן אים מכבד זיין ווייל רוב פון זייער תורה האבן זיי געלערנט ביי אים, און אויך צוליב דעם וואס ער האט געוואוינט צוויי יאר ביים רב. (מרשימות הרב יהושע מונדשיין ע"ה ששמע מהרה"ח ר' שניאור זלמן אליעזר הורוויץ ז"ל בן הרה"ח ר' איטשע מתמיד וחתן הרה"ח ר' משה ווינארסקי מחסידי הארנאסטייפאל בקיוב).

למעשה איז א צריך עיון אויב אזא שמועה איז גענוג שטארק קעגן דאס וואס מען זעט אז דער הסכם איז געווען אז ער וועט די ערשטע פינעף יאר וואוינען אין טשערנאביל, און עס קען אפילו מיינען אז במשך די צוויי יאר פון זיין חתונה ביז צו די הסתלקות פונעם רב, איז אים אויסגעקומען עטליכע מאל צו זיין ביי אים, ווי מען זעט אז ער איז געווען דארטן אמאל א ערב יום הקדוש. וצ"ב.

נאכן הסתלקות פונעם רב, כ"ד טבת תקע"ג האט זיין זון רבי דוב בער זיך באזעצט אינעם שטעטל ליובאוויטש.

עס זענען דא וואס שרייבן אז דער טשערקאסער האט זיך אויך דאן אריבערגעצויגן קיין ליובאוויטש, און האט דארט געוואוינט ביז צו די הסתלקות פון זיין שווער ט' כסלו תקפ"ח.

ווי עס קוקט אויס איז דאס אבער נישט ריכטיג, הגם אז עס מעגליך אז ער האט געוואוינט א משך זמן אין ליובאוויטש, און אפשר טאקע פאר א משך פון פינעף יאר, ווען די קעסט אין טשערנאביל האט זיך געענדיגט נאך פינעף יאר בשנת תקע"ו. עס איז שטארק מסתבר אז אין יאר תקע"ה האט ער געוואוינט אין טשערנאביל, ווי מען זעט אינעם צענזוס פון יענעם יאר, און אזוי אויך טרעפט מען אים אין שטאט טשערנאביל ביים צענזוס פונעם יאר תקצ"ד.

אין די ליובאוויטשער מקורות טרעפט מען אויך פארשידענע סיפורים וואס מען זעט אז ביים לעבן פונעם שווער האט דער טשערקאסער געוואוינט אין טשערנאביל.

אינעם ספר "שמועות וסיפורים" (ח"א עמ' 317) איז געדרוקט א בריוו פון הגה"צ ר' יעקב לאנדא ז"ל אב"ד בני ברק ווי ער שרייבט א סיפור וואס ער האט געהערט פון הרה"ק ר' שלום בער מליובאוויטש זצ"ל: אין שטאט טשערנאביל האט געוואוינט א חסיד פונעם מיטעלער רב, וואס ער האט מצער געווען דעם טשערנאבלער מגיד. אמאל ווען זיין שנור די טשערקאסער רביצין איז געפארן באזוכן אירע עלטערן, האט דער טשערנאבלער מגיד באפוילן אז זי זאל נישט אהיימקומען אן ברענגען א באפעל וואס איר פאטער האט באפוילן פאר יענעם חסיד איבער דעם ענין. במשך די גאנצע צייט וואס זי האט געוויילט אין ליובאוויטש איז איר נישט אויסגעקומען צו רעדן דערוועגן מיטן פאטער, אבער איידער זי האט זיך געזעגנט אהיימצופארן, האט זי דערציילט דעם פאטער וואס איר שווער האט איר באפוילן וועגן יענעם חסיד. האט זיך דער מיטעלער רב אנגערופן: איך וועל אוועקגעבן זיבן טעכטער פאר איין חסיד! (דער סיפור ווערט אויך געברענגט אינעם ספר "שמועות וסיפורים" פון הרה"ח ר' רפאל נחמן הכהן ז"ל עמ' כ"ז וואס ער האט דאס געהערט פון ר' חיים בער לרמן וואס האט דאס געהערט פון הגה"ח ר' שלמה זלמן האוולין ז"ל מחשובי חסידי ליובאוויטש, אז דער חסיד איז בעצם געווען א טשערנאבלער חסיד וואס איז געווארן א ליובאוויטשער, און דער טשערנאבלער מגיד האט געשיקט צום מיטעלער רב אז ער זאל צוריקשיקן דעם חסיד צו אים, און אויף דעם האט ער געענטפערט דעם תשובה).



**התחייבות וועגן די קעסט פונעם טשערקאסער**

*

נאך ביי לעבן פונעם פאטער האט זיך רבי יעקב ישראל באזעצט אין שטאט הארנאסטייפאל, און האט דארטן אנגעהויבן צו פירן רבי'סטיווע, (ווי באקאנט האט אויך רבי אהרן מטשערנאביל זצ"ל אנגעהויבן צו פירן בחיי אביו, אויף זיין באפעל).

גענוי וועלכע יאר דאס איז געווען איז נישט באקאנט, אבער לויט ווי עס שטייט אינעם ספר "מדור אל דור" (עמ' 60) איז דאס געווען אין יאר תקצ"ד.

עס איז פארהאנען א בריוו וואס דער טשערנאבלער מגיד האט געשריבן צו זיינע קינדער בשעת ער האט געוואוינט א משך זמן אין די שטאט באהסלוב, און ער שרייבט דארט אז זיי זאלן קומען קיין באהסלוב אויף די הייליגע טעג, און אויפן זון רבי יעקב ישראל באצייכנט ער אז ער וואוינט אין די שטאט הארנאסטייפאל, ווי ער שרייבט בלשון קדשו: "והשלישי הרב ר' יעקב ישראל יעקב איש תם יושב אוהלים באהלי של תורה בעיר אריסטאפאלע".

*

דער טשערקאסער האט געוואוינט אין הארנאסטייפאל ביז שנת תר"כ, ווען דעמאלט האט ער פלוצלונג פארלאזט דעם שטאט און האט זיך אריבערגעצויגן קיין טשערקאס, דארטן האט ער געוואוינט ביז צו זיין הסתלקות י"ג אלול תרל"ו ושם מנוחתו כבוד.

(המשך קומט בעז"ה אין קומענדיגן חודש) א




**א פארצייטישע בילד פון די שטאט טשערקאס**




**א בילד פון די שטאט טשערקאס בשנת תרע**